ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת לך לך, י"ג חשון תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון נ'

**זמנים**
(Liberty)

הדלקת הנרות 5:36
מוצאי שבת 7:06
שחרית שב"ק 9:15
מנחה ושל"ס 15 מינוט נאכן זמן

# א מעשה פון תפלה

## יעקב משה אינדארסקי

א) פארגאנגענער וואך האט מען געזוכט איינער זאל ארויסברענגען די קונטרסים פון עצתו אמונה פאר אנשי שלומינו אין שטעטל זיי זאלן עס קענען האבן פאר שבת קודש, אבער עס איז נישט געווען קיינער וואס איז ארויסגעקומען פאר שבת, נאר אדרבה אסאך משפחות זענען אוועק געפארן אויף שבת, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל יא זיין איינער וואס קען עס ארויסברענגען און מען זאל עס נאך קענען אויסטיילן פאר אלע משפחות נאך פאר שבת אזוי ווי דער ראש ישיבה האט מיר געבעטן, שכח אייבערשטער אז איינער האט מיר געמאלדן פרייטאג אז עס איז יא דא א אינגערמאן וואס קומט ארויס פאר שבת, איך האב אים גלייך געקאלט און ער האט מסכים געווען עס צו גיין אויפפיקן און ארויסברענגען. שכח אייבערשטער!

ב) פאריגע וואך האב איך זיך זייער געניטיגט אין געלט, איך האב נישט געוואלט בארגן ווייל דער ראש ישיבה רעדט כסדר אז מען זאל נישט בארגן קיין געלט, בפרט דאנערשטאג נאכט פרשת נח ביים שיעור האט דער ראש ישיבה זייער שטארק גערעדט וועגן נישט בארגן געלט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן, דערנאך בין איך געגאנגען ביי אפאר הייזער נאך געלט, שכח אייבערשטער אז ביז אפאר מינוט האב איך געהאט דעם גאנצן סכום וואס איך האב געדארפט.

## יקותיאל פעלדמאן

פארגאנגענעם חול המועד סוכות בין איך ארויס געגאנגען צו בעטערי פארק אביסל חול המועד האלטן, איך קום אן אהין זעה איך אז קיין פארקינג איז נישטא צו געפונען, נו וואס טוט מען דא? איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף מיר איך זאל קענען טרעפן א פארקינג אפילו עס מאכט עפעס נישט קיין סענטס אז איך זאל יעצט קענען דא טרעפן א פארקינג, אבער ביי דיר אייבערשטער איז דאך אלץ מעגליך" איך בעט אזוי דעם אייבערשטן און פאר מיינע אויגן געט א קאר א פאר ארויס און ער מאכט פלאץ פאר מיר צו פארקן! שכח אייבערשטער פאר די מתנה פון תפלה.

## שמשון הערש טייטלבוים

פארגאנגענעם זונטאג בין איך געפארן קיין טאהש קאנאדא, אויפ'ן וועג האב איך געכאפט א לאך אינעם רעדל, פונקט אין א פלאץ וואו עס איז נישט דא קיין פאון סערוויס, גלייך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר ארויסהעלפן, איך האב געקלינגען צו די פאליציי ווייל נאר די נאמבער ארבעט אפילו אן סערוויס, שכח אייבערשטער אז זיי זענען אנקומען זייער שנעל און מיר געברענגט א קאמפאני וואס האבן מיר געטוישט דעם רעדל. שכח אייבערשטער!

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**דוד יודא איידליס נ"י וזוגתו לאה מרים תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

## מודעה

מיר ווילן מודיע זיין אז דעם מוצאי שבת פרשת לך לך רוקט מען דעם זייגער אויף א שעה פריער.

# נייעס אין שטעטל

## א יאר פון הפצה אין שטעטל

איינס פון די גאר שיינע זאכן אין שטעטל איז דאס וואס מען זעהט יעדן ערב שבת ווי דער געטרייער מלמד הר"ר יעקב משה אינדארסקי הי"ו גייט ארום צו אלע הייזער פון אנשי שלומינו און גיבט איבער א גאנצע שבת פעקל לכבוד שבת קודש וואס ענטהאלט אין זיך א קונטרס עצתו אמונה אויף די וואך, גליון היכל הקודש, קרית ברסלב בלעטל, גליון סיפורי מעשיות, שיחות הראש ישיבה שליט"א, בית נצחי, און צומאל א נייע ברסלב'ע ספר וואס קומט ארויס.

אנגעהויבן האט זיך עס פאר א יאר צוריק ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן ר' יעקב משה נ"י אויב ער איז וויליג אנצונעמען די ארבעט ארומצוגיין יעדן ערב שבת אויסטיילן דעם פעקל פאר אלע משפחות, ער האט עס פארשטייט זיך אנגענומען מיט'ן גאנצן הארץ, דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך דעמאלט אויסגעדריקט "צו מפיץ זיין ביי אנשי שלומינו איז נאך א גרעסערע הפצה ווי מפיץ זיין אינדרויסן אין די גאס" ווייל ווען מען איז מפיץ אינדרויסן איז דאך א ספק אויב ער גייט נעמען, און אויב נעמט ער שוין איז א ספק ספיקא אויב ער גייט דאס ליינען, אבער ווען מען איז מפיץ ביי אנשי שלומינו ליינט עס יעדער איינער.

ווי מען הערט פון ר' יעקב משה נ"י איז די ארבעט פאר א יאר צוריק געווען אסאך גרינגער ווי היינט, ווייל עס האבן נאר געוואוינט סך הכל צען פופצן משפחות און ביז א קורצע צייט איז ער אנגעקומען מפיץ צו זיין ביי אלע משפחות, היינט צוטאגס ווען עס האלט שוין כמעט ביי פופציג משפחות כן ירבו נעמט דאס מפיץ זיין גאנצע צוויי שעה, אבער דאך טוט עס ר' יעקב משה נ"י מיטן גאנצן הארץ און ער פילט פאר א זכיה צו קענען העלפן מיט דעם אלע חשובע משפחות זיי זאלן נישט קויפן אנדערע ליין מאטריאל וואס איז אנגעפילט מיט נישט ריכטיגע השקפות [שיין גערעדט].

אלע משפחות פון שטעטל זענען זייער דאנקבאר פאר ר' יעקב משה נ"י און מיר וואונטשן אים ער זאל ווייטער האבן די כוחות צו קענען ווייטער אנגיין מיט די ארבעט צו מפיץ זיין אפילו ווען עס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף וואוינען דא הונדערטער משפחות, דער אייבערשטער זאל אים געבן אלעס גוטס און ער זאל זעהן אסאך נחת פון זיינע קינדער און אייניקלעך עד סוף כל הדורות.

## א פרישע קלאס אין תלמוד תורה

ווי מער הערט פון תלמוד תורה האט זיך צום נייעם יאר געעפענט א נייע קלאס צוליב די נייע קינדער וואס זענען צוגעקומען.

ביז יעצט זענען די מלמדים געווען ר' יוסף שניצלער הי"ו און זיין ברודער ר' הערשל שניצלער הי"וביידע גאר אויסגעצייכענטע גוטע מלמדים וואס האבן אליין געלערנט אין די ברסלב'ע תלמוד תורה, און ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אמאל אויסגעדריקט: **איך האב געשיקט אין שטעטל די בעסטע מלמדים וואס מיר האבן!**

יעצט צום נייעם יאר האט זיך אויסגעפעלט א פרישער מלמד, דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגענומען גאר א פיינעם מלמד א חשובע'ר תושב ביי אונז אין שטעטל ר' יעקב יאקאבאוויטש הי"ו, וואס ער צייכנט זיך אויס גאר שטארק אינעם געביט פון פארשטיין די קינדער און האבן סבלנות צו יעדן איינציגן קינד.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער נייער מלמד זאל מצליח זיין אין די הייליגע ארבעט וואס ער האט באקומען, עס זאלן ארויסקומען גאר גוטע ערליכע תלמידים, אלע זאלן וויסן אז ווען מען האט א פראבלעם קען מען זיך נאר ווענדן צום אייבערשטן.

## א פרישע קלאס אין סקול

צום נייעם יאר האט מען געעפנט א פרישע קלאס אין בית פיגא שטעטל סקול, עס איז געווארן אויפגענומען צוויי ערפארענע טיטשערס מרת שארף תחי' און מרת יאקאבאוויטש תחי', וואס זיי אליין האבן געלערנט אין בית פיגא סקול אלץ מיידל און באקומען דעם הייליגן חינוך וואס מען לערנט דא אויס, און אזוי אויך זענען זיי שוין געווען טיטשערס אין בית פיגא וויליאמסבורג סקול דיעם פארגאנגענעם יאר.

מיר וואונטשן זיי אסאך הצלחה אין זייער הייליגע ארבעט, עס זאל ארויס קומען פון דעם סקול קינדער וואס וועלן וויסן וואס די עכטע לעבן איז, אז געפעלן דארף מען נאר דעם אייבערשטן, און וואס מען דארף בעט מען נאר פון אים.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נח, א׳ דראש חודש מר-חשון, שנת תשפ״א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

אז דו ווילסט העלפן בויען דעם שטעטל, דו ווילסט עס זאל מצליח זיין - זאלסטו העלפן די פרישע אינגעלייט זיי זאלן טרעפן פרנסה, איך וויל נישט עס זאלן זיין אינגעלייט וואס גייען ליידיג; **אז מען גייט ליידיג איז זייער נישט גוט,** נישט בגשמיות און כל שכן ברוחניות.

די הייליגע חכמים זאגן (כתובות נט:): ״הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה״, גייען ליידיג ברענגט עבירות רחמנא לצלן, ״וְלִידֵי שִׁעֲמוּם״, און עס ברענגט דעפרעסיע; אפילו די אינגעלייט וואס האבן יעצט פרנסה פון די רעגירונג וואס פארטיילט גרויסע געלטער פאר ארבעטסלאזע - דארפן אויך זיין פארנומען, מען טאר נישט גיין ליידיג; גיין ליידיג הרג׳עט דעם מענטש, עס הרג׳עט די שלום בית און עס נעמט אוועק אלע גוטע זאכן.

אז דו ווילסט מיר העלפן זאלסטו העלפן די אינגעלייט מיט דעם; מוהרא״ש זאגט פשט אין דעם וואס די הייליגע חכמים זאגן (אבות ב, ב): ״יָפֶה תַלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ״, עס איז גוט צו לערנען און אויך ארבעטן, ״שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן״, אז מען לערנט און מען ארבעט זינדיגט מען נישט; זאגט מוהרא״ש, עס שטייט ׳מְשַׁכַּחַת עָוֹן׳, א לשון פון שכחה, דאס הייסט **אז מען לערנט און מען ארבעט האט מען נישט קיין צייט און מען פארגעסט צו זינדיגן..**

* * *

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נח, ג׳ מר-חשון, שנת תשפ״א לפרט קטן

**לכבוד מיין ליבער ... נרו יאיר.**

ווען דו האסט אפאר פרייע מינוט זאלסטו זיכער מאכן צו **רייניגן דעם בית המדרש.** קוק זיך אום אז די ספרים זאלן זיין מסודר, זע עס זאל נישט זיין קיין פליגן; טויש די קלעבעררס איין מאל א וואך.

אויך זאלסטו רוימען אינדערויסן פון שול, ווייל א שול על שם רבינו דארף זיין ריין און ציכטיג; **בפרט א שול אין שטעטל טאר נישט אויסקוקן נאכגעלאזט און שמוציג.**

איך וועל רעדן צו אלע מתפללים יעדער איינער זאל צולייגן א האנט; אזוי ווי מען ענדיגט דאווענען זאל יעדער אוועקלייגן אפאר ספרים און מסדר זיין א טיש מיט בענקלעך וכו׳, וכו׳; און נאך א קידוש, נאך שלש סעודות, נאך א שמחה וכדומה זאל מען גלייך מסדר זיין דעם בית המדרש.

איך האב דאס געלערנט פון מוהרא״ש, עס האט נישט גענומען מער ווי אפאר מינוט נאך יעדע ליל שישי שיעור וואס דער בית המדרש איז געווען גרייט פאר שבת; די טישטוכער, די טישן און בענקלעך מיט א שטארקע סדר.

איך ווייס דאך אז איך וועל נישט פועל׳ן וכו׳, בעט איך דיר דו זאלסט עס נעמען פאר דאס וויכטיגסטע זאך.

**איך האף אז נאך ווען לייענען דעם בריוו, וועט זיין גרינגער פאר יעדן איינעם.**

**~ א בריוו פון מוהרא״ש זכרונו לברכה ~**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ לסדר יתרו ט״ו שבט ה׳תשע״ד

**שלום וברכה אל האברך ... נ״י**

איך האב דערהאלטן דיין בריוו.

אויב דו ווילסט האבן רעכטיג שלום בית, דארפסטו זיך זעהן אפצוגעבן מיט דיין ווייב, **א פרוי האט ליב ווען דער מאן רעדט צו איהר,** און טיילט זיך מיט איר זיינע געשעפטן, און דערציילט איר וואו ער איז געגאנגען און ווי ער איז געקומען וכו׳ וכו׳, ווארום וויסן דארפסטו וויסן אז א בחור האט חתונה ווערט ער איינס מיט זיין ווייב, און אנשטאט זיך דרייען פִּיסְט און פַּאר מיט חברים וכו׳, איז בעסער זיך אפצוגעבן מיטן ווייב, ווארום דו דארפסט געדענקן דאס דיין ווייב בלייבט מיט דיר, **און די חברים וועלן דיר מארגן אוועקווארפן.**

דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט (שיחות הר״ן סימן רס״ד), אז א מענטש מוז מכבד זיין און טייער האלטן זיין ווייב. און ער האט געזאגט, ״באטראכט זיך וויפיל צער און גרויסע יסורים ליידן די פרויען: צער העיבור, והלידה, והגידול, וכו׳, וכו׳, און עס קומט זיי זייער שווער אן, איבערדעם דארף מען אויף זיי רחמנות האבן, און זיי ארויסהעלפן מיט וואס מען קען״. און וויסן דארפסטו וויסן, ביי אונז איז א דיבור פון הייליגן רבי׳ן קודש קדשים. איבער דעם זאלסטו זייער היטן און מקיים זיין דעם דיבור פון רבי׳ן, **זאלסט האלטן חשוב דיין ווייב,** און זאלסט זיך מיט איר נישט ארום טענה׳ן. ווארום וואס וויל זי פון דיר? זאלסט איר העלפן מיט די קינדער. איז וואס איז אזוי שווער? באטראכט זיך, סוף כל סוף איז דאס אויך דיינע קינדער - לייג צו א האנט און העלף איר. און די חז״ל זאגן בפירוש (חולין פד:), לעולם יאכל אדם וישתה פחות ממה שיש לו, וילבש ויתכסה במה שיש לו, ויכבד אשתו ובניו יותר ממה שיש לו, שהן תלויין בו והוא תלוי במי שאמר והיה העולם.

**איך האף אז דו וועסט פאלגן, וועסטו האבן א זיס לעבן, און עס וועט ארויסקומען פון ענק שיינע פירות, לעכטיגע נשמה׳לעך.**

**זאלסט האבן א לעכטיגן טאג און א פריילעכן תמיד**

* * *

חידות אפטיילונג

א) וועלכע יאר האט זיך די ישיבה געעפנט?

ב) וויפל מאל איז דער הייליגער רבי געווען אין ארץ ישראל?

ג) ווען האט מוהרא"ש געדרוקט צום ערשטן מאל דעם הייליגן רבינ'ס ספרים?



שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161 אדער גיבט איבער די תירוצים פאר׳ן מלמד אין חדר.

די גורל וועט פארקומען דאנערשטאג חיי שרה אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי.





פאר אלע אייער קאר סערוויס
געברויכן אין אפסטעיט רופט
Upstate Comfort
347-563-0545
פנחס דוד וועבערמאן

פאר אלע אייערע עלעקטער און פלאמבינג געברויכן
צו קאנווערטן א אויוון אדער דרייער צו LP
אדער צו קאנעקטן אפלייענסעס רופט
Kiryes Breslev Power
347-666-8029
יואלי לאנדא

KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING